פרייטאג פעברואר 26, 1988 — אלגעמיינער זשורנאל — 17 — ALGEMEINER JOURNAL — FRIDAY FEBRUARY 26, 1988

# אַן אפענער בריוו צום האלעמינער רב שליט״א

## אַ טראגישע פאסירונג ווי אזוי אידען זיצען צוזאמען שבת צופרי נאכן דאווענען און עסען ״בשר בחלב תחת השגחת התאחדות הרבנים״

ישוכט״ס אל כ״ק הרב הגאון הצדיק המפורסם, לוחם אמיץ בגבורים, גודר גדר ועומד בפרץ, מפורסם בכל קצוי תבל, בפעולותיו לטובת היהדות והכשרות, כקש״ת מו״ה שלום יודא גראס שליט״א אדמו״ר ואב״ד דק״ק האלמין ומצודתו פרוסה על כל היהדות החרדית הי״ו.

מיט א שווער הארץ קום איך צו אייך, פארציילען מיין ביטערן צער און ווייטאג וואס א השגחה מיט אום־פארזיכטיג־קייט קען אפטוהן.

דא ביי אונדז אין שיקאגא, פלעגט דער עולם עסן נאר פון א היימישען בעקער וואס באקט אלעס אליין ביי זיך, און ביי עהם אין די בעקערי קומט בכלל נישט ארײן קיין מילכיגע קעיקס כדי עס זאל זיך ח״ו נישט אויסמישן מיליכיגס מיט פארעווע, חוץ דעם וואס דער באלעבאס אליין איז א היימישער איד א מדקדק במצוות האט ער עקסטערע א השגחה תמידית ומדויקת פון הרב הגאון ר׳ חיים גאלדצווייג שליט״א א מפורסם אלס מדקדק גדול און תלמיד חכם מובהק.

איין יאר צוריק האבען די היימישע סטארס אנגעהויבן אריין צוברענגען קעיקס פון ניו יורק. — די לעצטע וואכן האט מען אנגעהויבן אדיינצוברענגען פרישע קעיקס — פארעווע און מילכיגע פון גרין׳ס רעסטודאנט אין וויליאמסבורג וואס האט די הכשר פון ״התאחדות הרבנים״, און פונקט איז שבת יתרו פארגעקומען דא ביים זידיטשויבער רבין הרב אייכענשטיין שליט״א אין בית המדרש אויף וועסט דיוואן עוועניו א גרויסער קידוש און דער בעל שמחה האט געגעבען פארן עולם גרין׳ס פארעווע קעיק מיט טשאלענט און פלייש — און קיינעם איז נישט איינגעפאלן חלילה אז מען עסט ל״ע בשר בחלב — געוואלד עס שטייט דאך אין זוהר הקדוש — האי מאן דאכיל האי מיכלא כחדא וכו׳ ל״ע שטייט דארט שארפע לשון אז עס שאדט פאר די קינדער ר״ל השם ישמרנו. נאכדעם איז אנגעקומען די ביטערע ידיעה — וואס נאר עטליכע מענטשען האבען געזעהן אז אין צייטונג וואס רופט זיך ״דער איד״ איז געשטאנען אז די קעיקס זענען מילכיג — דער גאנצער עולם איז געבליבן נבהל ונשתומם — היתכן נישט מודיע זיין פאר אלע געשעפטען אז די קעיקס איז מילכיג — און בכלל ווער לייענט דען דעם צייטונג דאהי אין שיקאגא — און בכלל וואס פאר א מין השגחה איז דאס אז מען באקט צוזאמען מילכיג׳ס מיט פארעווע אפילו א פשוטע אידענע ביי זיך אין שטוב דארף זהירות עס זאל זיך נישט אויסמישען מילעך מיט פארעווע אודאי נאך ביי קאמערציאלע פלעצער, דערצו איז נישטא קיין השגחה תמידית אין ערגעץ ביי קיין שום בעקעריי דארט אין ניו יארק, לויט ווי מיר דערוויסען זיך — און ועל כולם זענען מיר נאך געוואויר געווארן אז אין זעלבען פלאץ מאכט מען שבת׳דיקע קוגלען מיט פערפעל פאר פליישיג, מיט מילכיג און פארעווע קעיק און אלץ מיט די השגחה פון ״התאחדות הרבנים״. שומר שמים ווי נעמט מען אויף זיך אזא מורא׳דיגע אחריות, אט זעהט איר וואס א האט פאסירט.

חשובער האלמינער רב שליט״א אונדז האבען מיר אנגעקאלאט הרב גליק דעם רב המבשיר פון די ״התאחדות הרבנים״ ער האט זיך פשוט אויסגעלאכט ביי אים איז אלעס א געלעכטער. עס איז ליידער נישטא צו וועמען צו רעדן, דערפאר ווענדען מיר זיך צו אייך האלמינער רב אפשר קענט איר שרייען און אלאמירען די מאסען זיי זאלען זיך אויפוועקען פון שלאף און זיך ארומזעהן ווי אזוי מען ווערט פארפירט דורך הכשרים אפילו פון די שענסטע, און אין וואס פארא הענט די הכשרים מיט השגחות דארט אין ניו יארק שטייט איין.

יום ד׳ לס׳ לא תבשל גדי בחלב אמו (שבט תשמ״ח), בשיקאגו, אילינאיס.

**יעקב פישער**

נ.ב. *דא איז דער פרסום פון ״התאחדות הרבנים״ נאך א לאנגע צייט וואס עס זענען פארקויפט געווארן מילכיגע קעיקס אלס פארווע.

---

# מחלקת הכשרות של התאחדות הרבנים

# וויכטיגע מודעה!

דערמיט לאָזן מיר וויסן אַז אַלע **קעיקס** פון ״**גרין**״ סיי די וואָס ווערן פאַרקויפט אינעם רעסטוראַנט, און סיי די וואָס ווערן פאַרקויפט אין אַנדערע געשעפטן, זענען **מילכיג**.

**דאָס איז גילטיג ביז אונזער קומענדיגער מודעה.**

י״ג שבט תשמ״ח לפ״ק

בי״ד המיוחד לעניני כשרות

---

הערה: דער קליינטשיגער אדווערטייזמענט וואס איז געווען געדרוקט אין ״דער איד״ ווערט געליינט דורך בלויז א קליינע קיבוץ אידען. אבער אנדערע טויזענטער פון אלע עקען אמעריקא עסען זיך אָן ווייטער פלייש מיט די מילכיגע קעיקס אומוויסענד.

דאס איז א עון פלילי. הנ״ל

בס״ד

שלום וברכה לכבוד הדה״ח מוה״ר ר׳ יעקב פישער נ״י

וועגען דעם גרויסען מכשול וואס איר זאגט, די האר שטעלן זיך קאפויער בעצם יום השבת זאל אזאנס פאסידען. פון די מעשה קענט איר זיך לערנען ווי ווייט וויכטיג עס איז (אויסער די שרעקליכע מכשולות) נישט צו ניצען קיין **בהמה פלייש** ווייל אזוי איז עס איסורי דאורייתא און ביי כשר עוף איז עס איסורי דרבנן. אויסער דעם איז דאס אויסמישען איז נישט קיין איסור אבער **בהמה פלייש** איז דאָ איסור ביים מישען צוליב בישול **בשר בחלב** (ביי טשאלענט איז דאָ בישול אפילו ביי כלי שני).

וויסען זאלט איר ר׳ יעקב אז די פרשה ״השגחות מיט הכשרים״ אין וועלכע איך טוה שוין צוויי צענדליקער יארען איז זייער אַ פאַרווייטיגטע פרשה. עס איז ליידער קארופטירט פון קאפּ ביז פיס. איינס איז זיכער, ווער עס האט א מעגלעכקייט, היט זיך אויס ווי ווייט מעגליך פון פראדוקטען וואס דארפען השגחות מיט הכשרים. כל שכן נאשערייען וואס מען קען זיך באגיין אָן דעם.

אין די סוגיא פון כשרות קען מען אפדריקען גאנצע 20 בענדער ווי א ש״ס, ואי״ה עוד חזון למועד און יעצט וועגען בעקערייען מיר וועלען אייך צוליגען נאך עטליכע פראבלעמען וואס עקזיסטירען היינט צו טאג אפילו ביי די השגחה בעקערייען:

1. די פארקויפערס נעמען אין די הענט טשיז־קעיק (Chees Cake) מיט אנדערע מילכיגע פראדוקטען און מיט די זעלבע הענט כאפען זיי אָן ברויט מיט חלות און פארעווע קעיקס וואָס מען עסט אויך מיט פליישיגס.

די זעלבע פראבלעם איז ביי די מילכיגע רעסטוראנטען וואס פארקויפען פארעווע — און אויך ביי א שמחה וואס מען קעיטערט מילכיגס אדער פליישיגס — זענען די פארעווע זאכען אויך אונטער דעם זעלבען חשש!!!

2. סאך פלעצער ווערט נישט געהעריג חלה גענומען. די ברויט קנעטערס און בעקערס זענען עפ״י רוב קלים, און נאך מעהדערע פראבלעמען מיר וועלען נאך אי״ה צוריק קומען צו דעם טעמא.

יום ג׳ לסדר ויקחו לי שמן זית זך ה׳תשמ״ח.

**ה״ק שלום יודא גראס**

אבדק״ק האלמין יצ״ו